# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ראה, כ"ט אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ה', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 44 (511)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:48
מוצאי שב"ק..................9:17

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב מ'-מ"א
בבלי........................סוכה ל"א
ירושלמי.....................נדרים כ"ג
תוספתא......................שבת ג'
רמב"ם.......................מעשר ד'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה.** זֶע אַז אִיךְ גֶעבּ פַאר אַייךְ "הַיינְט" אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן ל"ו), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיסְצוּמָאלְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, צִי עֶס זָאל זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אָדֶער חָלִילָה פַארְקֶערְט.

אַזוֹי וִוי מְ'גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ בֶּערְשְׁטְלֶעךְ מִיט פַארְבּ, אוּן מְ'זָאגְט אִים עֶר זָאל מָאלְן דֶערְמִיט אַ בִּילְד, אוּן עֶס לִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ מָאלְן. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי גֶעצֵייג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מָאלְן אַ שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע בִּילְד, פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר מָאלְט אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁוַוארְצֶע בִּילְד, וָואס כַאפְּט אַ פַּחַד בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף.

דִי זֶעלְבֶּע גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמָאלְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶר וֶועט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, אַבִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין בִּילְד וֶועט אוֹיסְקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, וֶועט לִיגְן אִין זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן מְ'דַארְף ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר סוֹד מַצְלִיחַ צוּ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אִיז דוּרְכְ'ן קוּקְן נָאר אוֹיף הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן. אִין אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָבֶּער אָן וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף נֶעכְטְן, מְ'וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶער טָאג, מְ'הָאט סְתַּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין יָא אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף מָארְגְן, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, "אֲפִילוּ אוֹיבּ הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מָארְגְן? וֶוער קֶען מִיר פַארְזִיכֶערְן אַז מָארְגְן וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער טָאג?", דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') **"הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ"**, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם טָאג אוּן דִי צַייט אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, נָאר טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אִין יֶענֶע מִינוּט, סֵיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ הָאט מֶען שֵׂכֶל אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש לְפָּרָשַׁת רְאֵה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזָא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק; מֶען הֶערְט נֵייעֶ זַאכְן, מֶען וֶוערְט גֶעווָאוֹיר אַז מֶען אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז 'אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, פַאר מַיין נִצְחִיּוּת'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; טְרַאכְט נִישְׁט אַז נָאר דוּ בִּיסְט אַ גֶעשְׁלָאגֶענֶער, נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מֶען זָאל אִים נִישְׁט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: זונטאג אינדערפרי 43 מינוט מיט 10 חלקים נאך 10 | ראש חודש אלול יהיה ביום הראשון ולמחרתו ביום השני

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען מְ'טוּט תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְזוֹימְט אַזוֹי לַאנְג, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן, אִיז דָאס מִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ.

וִויסְן זָאלְט אִיר, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר וִויל זַיין גוּט, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן– וֶוערְט עֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", אֵיינֶער וָואס טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיף אַן הֶעכֶערֶע פְּלַאץ וִוי דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז אַן אוֹנֵס, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן וִוי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, הָאט מֶען דָאךְ וֶוערְטֶער אִין מוֹיל וָואס צוּ זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל פַאר דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַאר'ן לֶעבְּן, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע זַאכְן אוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִין מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, וַואשׁ מִיר אָפּ".

דִי אַלֶע וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּגְנְט וָואס אִיז אָסוּר – הָאבְּן דָאךְ אַ פִּתְחוֹן פֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט אוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן נִישְׁט גוּט, הָאבְּן אוֹיךְ אַ פִּתְחוֹן פֶּה, זֵיי קֶענֶען זָאגְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרַע; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ טוּ, אוֹיף וָואס אִיךְ קוּק, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוֹיל".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)

## קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן!

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע מְנִיעוֹת, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט; דֶער רֶבִּי זָאגְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן - דַארְף מֶען פָאלְגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְּקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)

>>>>>>

גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוֹת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלֶיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִיד'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַאר'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֶמֶת'עֶר גַנָּב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָּב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֶמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלֶיגְן בַּיים גַנָּב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֶמֶת'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַאר'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן וִויל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רַב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִּיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִּיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִּיקִים פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סֵיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

## רעגיסטראציע שנת תשפ"ב

אין די יעצטיגע טעג שיקן מיר ארויס די רעגיסטראציע בויגנס פאר אלע עלטערן פון די מוסדות, פאר די קומענדיגע לערן יאר שנת תשפ"ב לפ"ק.
מאכט זיכער צוריק צו שיקן די צעטלעך ווי פריער דורך פאסט, פעקס, אדער אימעיל. די מוסדות האבן זיך ב"ה זייער צעוואקסן, און מיר ווען נישט קענען האבן א פלאץ פאר אייער קינד, אויב איז דאס קינד נישט איינגעשריבן באצייטנס.

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קטו)

**תלז**

**נָאךְ סוּכּוֹת,** אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב, דֶער זֶעלְבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן הָאט דַאן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דָאס קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶונֶען [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִין סִימָן ת"ט], אוּן יֶעצְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מַזְכִּיר זַיין זוּן וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ מַאֲמָר אִין פְּרִי עֵץ חַיִּים (שַׁעַר חֲזָרַת עֲמִידָה, פֶּרֶק ז' בְּסוֹפוֹ) וָואס רֶעדְט פוּנֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו', כ"ו) "וְיָשֵׂם לְךָ שָׁ'לוֹם", וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שָׁלֵו", וָואס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן (אִיּוֹב ט"ז, י"ב) "שָׁלֵו הָיִיתִי וַיְפַרְפְּרֵנִי" . דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן עֶר זָאל פָארְזָאגְן פַאר אִים דֶעם עִנְיָן, אוּן עֶר הָאט עֶס טַאקֶע גֶעדַארְפְט פָארְזָאגְן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ו) אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן מְחִיאַת כַּפַּיִם, פוּן קְלַאטְשְׁן. דֶער אִיד הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בֵּייגְן אוּן נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן זַיין קִינְד אִיז נָאךְ מֶער שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן.

אַזוֹי וִוי דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען פוּן נֶעמִירוֹב, אוּן הָאט גוּט גֶעקֶענְט רֶבִּי נָתָן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. עֶר הָאט אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גֶעוִויסְן פָּרִיץ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ גְרוֹיסֶער עַזּוּת פָּנִים, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב פָארְט עֶר צוּם רֶבִּי'ן, זָאל עֶר מַזְכִּיר זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין קְרַאנְקְן קִינְד.

**תלח**

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דֶעם קְרַאנְקְן קִינְד, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דָאס קִינְד לֶעבְּט נָאךְ?!". רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דֶער גְּזַר דִין אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעזִיגְלְט פַאר דָאס קִינְד צוּ שְׁטַארְבְּן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע רֵייד, וָואלְט דָאס קִינְד שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעזוּנְט", וִוי אֵיינֶער זָאגְט אַז יֶעצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין, קֶען דָאס קִינְד שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶעבְּן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דָאס קִינְד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן מְלַמֵּד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר וִויל נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וַוייל עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּם רֶבִּינְ'ס חוֹלֵק. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיב אַזוֹי, הָאט עֶר אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן!"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

>>>>>>

ראש הכולל, הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, אלס דיין ומורה צדק פאר די גרויסע קהילה אין קרית ברסלב ליבערטי.

שוין צוויי יאר פארלאפן זייט אנשי שלומינו האבן זיך אנגעהויבן אריינציען אין שטעטל, אין די קורצע צייט האט זיך די שטעטל גאר שיין און גרויס צוואוואקסן און אויפגעבליעט, מיט קרוב צו הונדערט משפחות קע"ה, און די געברויך צו האבן א דיין אויפ'ן ארט ווערט שטערקער פון טאג צו טאג.

דער חשובער דיין שליט"א האט באקומען היתר הוראה פון גרויסע פראמינענטע רבנים און מורי הוראה, ער האט גענומען שימוש ביי גרויסע דיינים מומחים, וואס האבן גאר שטארק ארויס די פראקטיק פון יעדע זאך, און האבן די קלארע מסורה פון אונזערע רבי'ס, און ער דינט שוין געטריי אלס ראש הכולל און דיין פאר די קהלה אין שטאט פאר א לענגערע צייט, און יעצט וועט ער זיך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריבערציען אין שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי, וואו ער וועט באקומען דעם פאסטן פון דיין ומורה צדק אין שטעטל, ער וועט שטיין צום דינסט פון די קהילה צו פסק'נען שאלות און ענטפערן פאר אלע שואלים בדבר ה' זו הלכה.

דער גרויסער היסטארישע מעמד, וואו דער גאנצער ציבור אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאם קומען אפצוגעבן דעם ריכטיגן כבוד התורה, וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען אינעם גרויסן זאל פון די מוסדות היכל הקודש ברסלב אין ליבערטי, אויף 39 טשעסטנאט סטריט, קומענדיגן זונטאג פרשת כי תצא ז' אלול הבעל"ט. מיטן אייבערשטנס הילף איז ערווארטעט גאר א שיינער מעמד, מיט די באטייליגונג פון גאר חשובע רבנים הגה"צ שליט"א, בפרט פון די גרויסע דיינים ביי וועמען דער דיין שליט"א האט גענומען שימוש. א רייכע סעודה וועט סערווירט ווערן, מ'וועט הערן דרשות פון די חשובע רבנים און דיינים שליט"א, ווי אויך דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, די באקאנטע "הלוים" קווייער וועט מהנה זיין דעם עולם, מיט נאך גאר א שיינעם פראגראם פון וואס אלע באטייליגטע וועלן שטארק הנאה האבן.

מיר זענען מתפלל צום אייבערשטן אז דער דיין שליט"א זאל מצליח זיין מיט זיין הייליגע ארבעט, צו קענען ווייזן און לערנען דעם וועג ווי אזוי זיך צו פירן לויט די ריכטיגע הלכה, פאר לאנגע יארן געזונטערהייט.

**תנו כבוד לתורה!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶוען מַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אַלֶע סָארְט מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער אוּן קְלָלוֹת, זִי שְׁלָאגְט זֵיי פַאר יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן וֶוען אִיךְ זָאג אִיר עֶפֶּעס דֶערְוֶועגְן שְׁרֵייט זִי אַז אִיךְ מַאךְ אִיר שְׁוֶוערֶער דָאס לֶעבְּן.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אֵיינֶע פוּן דִי קִינְדֶער מַאכְט נַאס בְּטָעוּת, קֶען זִי שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי, "דוּ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי! שְׁלֶעכְט קִינְד! וִויפִיל מָאל דַארְף אִיךְ דִיר זָאגְן? אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין וֶועשׁ פַאר דִיר!", אוּן דָאס גְלַייכְן. בִּכְלַל מַאכְט זִי אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן, אוּן אִיךְ גֵיי אוֹיס צוּצוּזֶען וִוי מַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט טָאג טֶעגְלִיךְ, וּבִפְרַט וֶוען זֵיי קוּמֶען וֵויינֶען צוּ מִיר אַז מַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, שְׁלָאגְט זֵיי, אוּן פַארְשֶׁעמְט זֵיי.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן, וָואס זָאג אִיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? וָואס זָאג אִיךְ פַאר מַיין וַוייבּ? מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר זֵיי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת; זִי שְׁרֵייט נִישְׁט וַוייל זִי ווִיל זֵיי וֵויי טוּן, זִי שְׁרֵייט פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט.

קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, מֶענֶער קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס פְרוֹיעֶן הָאבְּן בַּיים מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְרוֹיעֶן לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ וֵוייטָאג בַּיים וַוארְטְן, בַּיים גֶעבּוֹירְן אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל, עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵייעֶר צַעַר אוּן זֵייעֶר יִסוּרִים.

אַז דוּ ווִילְסְט דַיין וַוייבּ זָאל וֵוינִיגֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי - אִיז דָאס גֶעוָואנְדְן אִין דִיר; אַז דוּ וֶועסְט אִיר שְׁטַארְקְן, דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר, אִיר בַּארוּאִיגְן - וֶועט זִי וֵוינִיגֶער שְׁרֵייעֶן; זִי שְׁרֵייט וַוייל זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי אִיז פַארְלוֹירְן, זִי קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס טוּן אַלֶע אַרְבֶּעט.

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ בַּארֶעכְטִיג וָואס זִי טוּט, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער; אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער טוּט דָאס זֵיי צֶעקְלַאפְּן אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף אָן קַיין זִיכֶערְקֵייט אִין זִיךְ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף דֶערְשְׁרָאקְן; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ, שְׁטַארְק אִיר; וֶועט זִי וֵוינִיגֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, בַּיי אַלֶע קִינְדֶער פַּאסִירְט דָאס. מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם קֶען דָאס פַּאסִירְן וְכוּ'. גֶעבּ אִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז שְׁרֵייעֶן וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן; שְׁרֵייעֶן טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, שְׁרֵייעֶן טוּט נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוֹיס אוֹיף נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶועג; פַארְקֶערְט, עֶס אִיז דָא אַ סְבָרָה אַז אוֹיבּ מֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
שְׁרַייט װעלְן זַיי נָאכְמֶער דוּרְכְפַאלְן אִין דֶעם וְכוּ׳, וַוייל קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שְׁוַואךְ, זַיי הָאבְּן וֵוייניג זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט - בַּיי זַיי פַּאסִירְט דָאס מֶער, זַיי שְׁפִּירְן נִישְׁט וְכוּ׳.

װען דַיין וַוייבּ פַּארְלִירְט זִיךְ דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ מִיט שְׁטֵיין מִיט אִיר, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פַאר הֶסְבֵּרִים; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אִיר וַוייזְן אַז מֶען אִיז מִיט אִיר, מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר; דֶעמָאלְט וִויל זִי נִישְׁט הֶערְן וָואס זִי זָאל זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן. דַארְפְסְט רֶעדְן מִיט אִיר אִין אַ רוּאִיגֶע צַייט, אִין אַ צַייט װען דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ, אָדֶער װען זַיי שְׁלָאפְן, אָדֶער װען אִיר זֶענְט אִין אַ רוּאִיגֶע צַייט, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אוֹיסְרוּמֶען דִי קִינְדֶער, וִוי גוּט זַיי זֶענֶען אוּן וִוי וואוֹיל זַיי זֶענֶען, אַז זַיי זֶענֶען נִישְׁט שוּלְדִיג װען זַיי טוּעֶן דָאס וְכוּ׳, אוּן אַז עֶס װעט נִישְׁט הֶעלְפְן דִי שְׁרַייעֶן.

װען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִיר זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט אִיר בַּאשוּלְדִיגְן, נָאר רֶעדְן פוּן דִי עֶצֶם גֶעדַאנְק אַז שְׁרַייעֶן הֶעלְפְט נִישְׁט. אַז דוּ װעסְט אִיר בַּאשוּלְדִיגְן - װעסְטוּ גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, זִי װעט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְן אוֹיף דִיר, דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ װעט נָאר װערְן עֶרְגֶער; רֶעד פוּן דִי גֶעדַאנְק אַז שְׁרַייעֶן הֶעלְפְט נִישְׁט.

זַיי אִיר מְחַזֵּק אַז דוּ װעסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר זַיי אַז זַיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן, זָאג אִיר: "מִיר גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַּאר דִי קִינְדֶער זַיי זָאלְן שוֹין זַיין וואוֹיל, זַיי זָאלְן פָאלְגְן, זַיי זָאלְן נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן מִיט דִי זַאךְ וְכוּ׳"; מַאךְ מִיט אִיר אַ צַייט װען אִיר גֵייט אִינְאֵיינֶעם זָאגְן תְּהִילִים פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען זֶען אַ יְשׁוּעָה.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, זִי וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט; אַזוֹי אִיז בַּיי רוֹב פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, זַיי פַארְלִירְן זִיךְ, זַיי שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען עֶר אִיר הֶעלְפְן זִי זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן דִי קִינְדֶער; אַז עֶר בּוֹיט אִיר אוֹיף, עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיר, עֶר רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט - טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
# פרישע באריכטן פון אוקריינע גרעניץ

צענדליגע טויזנטער אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט גרייטן זיך שוין בדחילו ורחימו צו פארן צום הייליגן רבינ׳ס ציון אויף ראש השנה תשפ"ב הבא עלינו לטובה, צו ווילן ביים הייליגן רבי׳ן אין שטאט אומאן.

די ערשטע און לעצטע השתדלות וואס אנשי שלומינו טוען יעדן טאג, איז מתפלל צו זיין. מען נעמט זיך א מינוט און מען בעט דעם אייבערשטן אויף מאמע לשון, "הייליגער באשעפער, האב רחמנות אויף מיר און אויף מיין נשמה, העלף מיר איך זאל זוכה זיין דאס יאר אנצוקומען צום הייליגן רבינ׳ס ציון אויף ראש השנה. דער הייליגער רבי האט דאך צוגעזאגט אז ער וועט מתקן זיין יעדן וואס קומט צו אים אויף ראש השנה. הייליגער באשעפער, איך וויל אויך זוכה זיין צו באקומען א תיקון פאר מיין נשמה", און אזוי ווייטער איז יעדער מתפלל פאר זיך בינו לבין קונו, אויף זיין אייגענע שפראך און אויף זיין וועג.

נאכדעם וואס מיר האבן דורכגעמאכט אזא שווערע יאר ווי תשפ"א, דארף מען שוין קיינעם נישט מסביר זיין וואס דאס הייסט אז מען דארף א צדיק וואס זאל זיך אננעמען פאר מיר ביים בית דין של מעלה ווען מען גייט זיך ווידער שטעלן צום משפט ראש השנה. עס כאפט דאך א שרעק ווען מען טראכט וואס עס איז פאררּיבער אויף אונז די פארגאנגענע יאר, און יעדנ׳ס ליפן שאקלען זיך כסדר מיט תפלה והתבודדות און מען בעט דעם אייבערשטן אז תחל שנה וברכותיה.

דעם מיטוואך ראה (למספרם אוגוסט 5), זענען אריין אין קראפט נייע רעגולאציעס פאר יעדן וואס קומט אריין אין אוקריינע, אריינגערעכנט אוקריינער בירגער, און עס ווערט נאכגעפאלט מיט זארג ביי אנשי שלומינו, וואס הערן נישט אויף מתפלל צו זיין אז אלעס זאל זיך טאקע אויסארבעטן על צד היותר טוב פונעם הייליגן קיבוץ.

די נייע רעגולאציעס זענען יעצט ווי פאלגנד:

- יעדער וואס קומט אריין אין לאנד, אן קיין אויסנאם, קינדער און ערוואקסענע, וואקסינירט אדער נישט, דארף האבן געקויפט אוקריינישע העלט אינשורענס, און מ׳דארף האבן די באווייזן דערויף.
- אויב מען איז וואקסינירט, דארף מען ברענגען באוויז אז מען איז פולקאם וואקסינירט (ביידע דאזעס), און דאן קען מען זיך געהעריג ארומדרייען אין לאנד.
- די וואס זענען נישט וואקסינירט, וועלן מוזן ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט ביים אריינקומען אין לאנד, און אויך וועלן זיי מוזן האבן אן "עפפ" אויף א סמארטפאון, מיט וואס די ארטיגע באאמטע וועלן אים קענען נאכפאלגן וואו ער גייט און דרייט זיך. פאר די ערשטע 72 שעה איז ער פריי צו קענען פארן צום פלאץ וואו ער שטייט איין, און דאן דארף ער זיך קוואראנטינען פאר 10 טאג (אין די 10 טעג וועט מען אויך נישט קענען צוריק פארן). אויב נעמט מען א קאראנע טעסט אין אוקריינע און עס קומט צוריק נעגאטיוו, קען מען אויסמעקן דעם עפפ און ארויסגיין פון קוואראנטין. [ס׳איז דא א מעגליכקייט אז מ׳וועט נישט דארפן האבן קיין סמארטפאון און עפפ, פאלגט נאך די קומענדיגע וואכן פאר ווייטערדיגע דעטאלירטע אינפארמאציע].
- קינדער פון 12 ביז 16 יאר דארפן ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט ביים אריינקומען אין לאנד.
- קינדער אונטער 12 דארפן נישט האבן דעם טעסט ביים אריינקומען.
- ביים צוריק אריינקומען אין אמעריקע נאך ראש השנה, דארף יעדער אן אויסנאם, קינדער און ערוואקסענע, וואקסינירט אדער נישט, ווייזן א נעגאטיוו קאראנע טעסט גענומען אין די לעצטע 72 שעה.

מען איז ווייטער מתפלל, אז די גרעניצן זאלן זיין ברייט אפן פאר אנשי שלומינו, און עס זאל נישט זיין קיין שום אפהאלט פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס גרייטן זיך שוין צו קומען אין א חודש בעזרת השם יתברך.

אויך ווערט געמאלדן פון גרעניץ אז זיי האבן געכאפט לעצטנס פאסאזשירן מיט פאלשע קאראנע וואקסין אדער טעסט צעטלעך. זיי זאגן אז זיי נעמען דאס זייער הארב, און טוען דערפאר ארויסווארפן פון לאנד תיכף ומיד און געבן דערנאך א שווארצע זיגל אויפ׳ן פאספארט אויף עטליכע יאר.

אין אנדערע נייעס ווערט געמאלדן, אז דער בנין פון אנשי שלומינו אין אומאן בראשות פון ראש ישיבה שליט"א, איז שוין אינגאנצן אנגעפילט און מען קען שוין נישט רעזערווירן קיין בעטן אויפן קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט. דער בית המדרש וועט אבער יא זיין אפן פאר די תפילות פאר אלע וואס ווילן קומען דאווענען אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה.

אויך ווערט געזוכט וואלונטירן צו העלפן במשך די טעג אין אומאן, אין קאך, אין בית המדרש, און נאך. ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה, זאל רופן 347-452-1936.

קיינער טאר נישט פעלן!

***

# געהויבענע שטימונג צום גרויסן "מעמד הכתרה"

א געהויבענע שטימונג הערשט ביי אנשי שלומינו בכלל, און ביי די איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי בפרט, אין בעפארברייטונג צום גרויסארטיגן "מעמד הכתרה". ווען מ׳וועט מכתיר זיין דעם חשובן דיין און

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

PlanitRite

Travel the right way


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **מרדכי טויסיג** הי"ו

צו די געבורט פוו א אינגל למזל טוב


## ימים נוראים

ס׳קומט שוין אלול, שוין צייט זיך אנצוגרייטן צו די הייליגע טעג ווען מיר גייען זיך אויפפרישן צום נייעם יאר

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**





הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו להודות ולהלל על ניסיך ועל נפלאותיך